ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 27

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי רעד איך צו מיין אינגל וואס זיין חבר איז נפטר געווארן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*נעכטן האב איך באקומען א מודעה פון די הנהלה פון די תלמוד תורה וואו מיין זון לערנט איבער א שרעקליכע טראגעדיע וואס האט פאסירט, א קינד פון מיין קינד'ס קלאס איז ליידער פלוצלינג נפטר געווארן רחמנא ליצלן. מיין זון איז אכט יאר אלט, און ער איז געווען א נאנטער חבר מיט דעם נפטר, להבדיל בין חיים לחיים.*

*וואס און ווי אזוי איז די ריכטיגע וועג צו רעדן צו מיין אינגל איבער דעם, און אים ערקלערן די מעשה אויף א וועג אז ער זאל נישט בלייבן מיט שרעקעדיגע קאשמארן פון דעם? און וואס קען ער טון א טובה פאר די נשמה פון דעם נפטר?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויחי, ח' טבת, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

געב צו פארשטיין דיין קינד אז זיין חבר איז אין גן עדן, ער לערנט יעצט תורה אויבן אין הימל. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אותיות דרבי עקיבא נוסח א, אות א): "בכל יום ויום יושב מט"ט בשמי מרום, וכונס את כל הנשמות של תינוקות של בית רבן שמתו על חומשי תורה, ומביא אותן תחת כסא הכבוד ומלמדן תורה", עיין שם. דער מלאך מט"ט נעמט צוזאם אלע נשמות פון קינדער וואס זענען געשטארבן יונג - און לערנט מיט זיי תורה.

ווען דיין קינד וועט דיך פרעגן: "טאטי, וואו איז מיין חבר?" זאלסטו אים זאגן: "אידישע קינדער, ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, אויב מען איז געווען ערליך - גייט מען אין גן עדן; דארט איז זייער גוט, זיין נשמה איז אין הימל און לערנט תורה מיט די מלאכים"; דאס וועט אים בארואיגן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי קען איך זיכער מאכן אז מיין געלט זאל מיר נישט פארלוירן גיין?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך ארבעט זייער שווער אין א ביזנעס, און איך באקום שיין באצאלט ב"ה, אבער למעשה צע איך נישט דאס געלט, איך פיל ווי ס'רינט מיר ארויס פון די פינגערס, סוף וואך בלייבט גארנישט איבער פון די געלט, און איך האב נאך חובות אויך. לויט'ן חשבון וואלט איך געדארפט האבן אסאך געלט אוועקלייגט, אבער למעשה האב איך ממש גארנישט, וואס קען איך טון?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**בענטשן אינערוויינינג**

מוהרא"ש האט אונז שטענדיג מזהיר געווען מיר זאלן זיך צוגעוואוינען צו בענטשן ברכת המזון פון אינעווייניג. מוהרא"ש זאגט אז בענטשן ברכת המזון אין א סידור איז מסוגל פאר עשירות, אזוי ווי עס שטייט (משלי י, כב): "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ", אז מען בענטשט ברכת המזון בשמחה איז דאס מסוגל פאר עשירות; זאלסטו מקפיד זיין פון היינט און ווייטער צו בענטשן ברכת המזון נאר פון א בענטשער.

**נזהר זיין אין נטלת ידים**

אויך זאלסטו אכטונג געבן אויף די מצוה פון "נטילת ידים"; ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי זאלסטו זיך אפגיסן נעגל וואסער, ווען דו גייסט אין בית הכסא זאלסטו אפגיסן די הענט און אויך פאר'ן עסן זאלסטו זיך אפגיסן די הענט אזוי ווי די הלכה איז; דאס איז מסוגל אויף עשירות. די ראשי תיבות פון "ע'ל נ'טילת י'דים", איז ע'נ'י', ווייל ווער עס איז מזלזל אין נטילת ידים ווערט פאראָרעמט.

מיר געפונען, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת סב:): "אָמַר רַב חִסְדָּא", רב חסדא האט געזאגט, "אֲנָא מְשַׁאי מְלֹא חָפְנֵי מַיָּא, וְיָהֲבֵי לִי מְלֹא חָפְנֵי טִיבוּתָא", איך גיס זיך אפ נטילת ידים מיט א פולע טעפל, געבט מיר דער אייבערשטער אסאך געלט; רב חסדא איז געווען זייער רייך בזכות דעם וואס ער האט מקפיד געווען אויף די מצוה פון נטילת ידים.

**בעט דעם אויבערשטן**

פארשטייט זיך אז דער עיקר איז תפילה; בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג: "רבונו של עולם, געב מיר פרנסה", וועסטו האבן גרויס שפע.

**מכבד זיין די ווייב**

אויך זאלסטו אכטונג געבן צו מכבד זיין דיין ווייב, דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סט): "עִקָּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דער עיקר עשירות קומט בזכות וואס מען איז מכבד די ווייב; אז דו וועסט פרייליך מאכן דיין ווייב און דו וועסט איר מכבד זיין, וועסטו זוכה זיין צו האבן פרנסה בריווח.

אז דו וועסט **בענטשן אין א בענטשער**, דו וועסט **מקפיד זיין אויף נטילת ידים**, דו וועסט **בעטן דעם אייבערשטן** יעדן טאג און דו וועסט **מכבד זיין דיין ווייב**, וועסטו זוכה זיין צו א גרויסע עשירות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

## מיין בחור ברעכט אונטער פון דרוק, וואס איז די עצה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*
*קודם כל א גרויסן יישר כח פאר אלע עצות און חיזוק און די אמונה און בטחון, וואס מיר באקומען פון אייערע געוואלדיגע שיעורים.*

*איך האב זיך געוואלט שאלן עצה זיין איבער מיין בחור, ער לערנט ב"ה פיין אין ישיבה, אבער דאס איז נאר אונטער א געוואלדיגע פרעשור אז ער זאל הייסן א גוטער בחור און זיין ארויפגעקוקט אין ישיבה. איין טאג איז ער געבליבן אינדערהיים און געזאגט ער שפירט זיך נישט גוט, ווען איך האב אים געוואלט נעמען צום דאקטער האט ער געזאגט אז אלעס איז אין ארדענונג נאר ס'איז געווען א פארהער אין ישיבה און ער האט נישט געקענט הונדערט פראצענט, און ער האט מורא געהאט אז ער גייט באקומען א שוואכע צייכן, און דאס איז ממש עק וועלט ווייל אלעס אין ישיבה גייט לויט ווי גוט מ'קען.*

*לעצטנס איז ער צאמגעפאלן אין שול, מ'האט אים אריינגעפירט אין שפיטאל און דער דאקטער האט געזאגט אז דאס איז פשוט געווען פון א "פאניק אטאקע", עס האט אים געכאפט א געפערליכע פחד צו זיין צווישן אזויפיל מענטשן אין שול, און דעריבער האט ער געחלש'ט. זייט דעמאלט וויל ער מער נישט גיין דאווענען אין א גרויסע שול, און איך ווייס נישט וואס צו טון וועגן אים, יעצט קומט די הייליגע טעג און איך וויל גיין דאווענען אין א גרויסע שול.*

*איך האב אזוי ארויסגעקוקט צו זען נחת פון אים, און יעצט האב איך מורא ער זאל נישט ווערן קיין חולה נפש רחמנא ליצלן, וואס טו איך? ווי אזוי געב איך זיך אן עצה?*

*א גרויסן יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ואתחנן, י"א מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער אייבערשטער וועט העלפן דו וועסט זען נחת פון אים און פון אלע אנדערע קינדער.

וויסן זאלסטו אז קינדער זענען נישט קיין מאשינען; אפילו א מאשין קען אויך אויפהערן ארבעטן ווען מען ארבעט עס איבער, כל שכן א מענטש - אויב מען שטרענגט עס איבער הערט עס אויף ארבעטן, דער מח קען נישט פארנעמען ווען מען דרוקט אויף אים.

זאלסט אים חס ושלום נישט צווינגען צו גיין דאווענען אין א שול וואו ער האט פחדים; ענדערש זאל ער דאווענען אפילו ביחידות ווי לאנג ער וועט ארויס קריכן פון די פחדים.

רעד מיט אים נאר דיבורי אמונה, ווייל אמונה איז די רפואה פאר אנגעצויגנקייט, פחדים, ספיקות און בלבולים. ווען א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה; ער ווייסט אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער איז: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל" - דאן לעבט ער א רואיג לעבן.

### די רפואה פאר נערוון איז אמונה

אמונה שטארקט די נערוון, און פארקערט אויך; אויב א מענטש איז נישט שטארק מיט אמונה און ער שפירט נישט דעם אייבערשטן, ער מיינט אז זאכן פאסירן סתם אזוי אן קיין חשבון און עס איז דא טבע מקרה מזל - אזא מענטש לעבט שטענדיג מיט פחדים און שלעכטע מחשבות; מען באשולדיגט זיך כסדר, וואס פון דעם קומען אלע נערוון קראנקהייטן לא עלינו ולא עליכם, און די איינציגסטע רפואה פאר די וואס ליידן אויף די נערוון איז נאר "אמונה".

### פארציילן מעשיות פון השגחה פרטית

דערפאר זאלסטו שמועסן מיט דיינע קינדער נאר פון אמונה; פארצייל זיי מעשיות פון השגחה פרטיות ביז עס וועט אריינגעבאקן ווערן אין זייער הארץ די ריינע אמונה, דעמאלט וועלן אלע פראבלעמען אוועק פאלן.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דער עיקר אויף וואס א מענטש דארף ארבעטן צו צוקומען - איז אמונה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס ליידן מחלות בלויז ווייל זיי האבן נישט קיין אמונה; דאס גייט ארויף אויף יסורי הנפש וואס מענטשן ליידן נעבעך, זאגט דער רבי ווייטער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", ווען א מענטש האט נישט קיין אמונה און ער ליידט נעבעך פון די מחלות וואס קומט פון חסרון אמונה, דעמאלט העלפט אים נישט קיין רפואות, עס העלפט נישט קיין תפילה און אויך נישט זכות אבות. דאס גייט ארויף אויף די יסורים וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט פון אלע סארט יסורי הנפש; עס פייניגט זיי פון אינעווייניג - יעדער מיט זיינע שלעכטע מחשבות, און די איינציגסטער רפואה אויף דעם איז אמונה.

### אז דו וועסט אים נישט דרוקן וועט ער זיין געזונט און שטארק

זאג נישט אז דו האסט געמיינט דו וועסט האבן נחת וכו' און יעצט האסטו מורא אז ער וועט ווערן א חולה נפש, ווייל אז דו וועסט אים נישט דרוקן און דו וועסט אים שטענדיג נאר אויפהייבן וועט ער זיין געזונט און שטארק. אז ער איז נישט גרייט צו גיין צווישן אן עולם זאלסטו אים נישט איבער רעדן ער זאל יא גיין, און אז דו וועסט רעדן צו אים מיט א זיכערקייט פונעם אייבערשטן וועסטו זען וואסערע ניסים וועט געשען מיט אים.

בעט דעם אייבערשטן פאר אים און פאר אלע דיינע קינדער און פאר אלע אידן אז אלע זאלן זיין געזונט בגוף ובנפש - דאס וועט דיר ברענגען צו זען פון זיי נחת. עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד וואס האט זייער מצליח געווען מיט אלע זיינע קינדער, ווען מען האט אים געפרעגט: "ווי אזוי האסטו זוכה געווען אז אלע דיינע קינדער זענען ערליכע אידן?" האט ער געענטפערט: "וואס מיינט איר, איך האב זיי אראפגעריסן פון בוים?! איך האב אסאך טרערן פארגאסן צום אייבערשטן איך זאל זוכה זיין צו זען נחת פון זיי; איך פלעג וויינען יעדן טאג צום אייבערשטן ער זאל מיר געבן ערליכע קינדער, דערפאר האב איך זוכה געווען צו ערליכע קינדער".

שטארק דיך! דער אייבערשטער וועט העלפן אז דיין זון וועט ארויסגיין פון זיין צרה.

**ווי אזוי האלט מען ערליך די קינדער, ווען די ארומיגע משפחה זענען אנדערש?**

**איך מוטשע זיך מיט אזויפיל פראבלעמען, ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה?**

*קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*